Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 118 (1119) | Łódź, Poniedziałek 23 Maja 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג כא אייר תרפ"ז. | Nr. 113 1119 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

# דער גרויסער וואהל-טאג אין ווארשא

**ביז 80 פראצ. האבען זיך בעטייליגט אין די וואהלען.—געשלעגען, פערוואונדעטע און ארעסטען. — 111 מאל האט אינטערווענירט די פאגאטאוויע. — אנטיסעמיטישע אגיטאציע פון די ענדעקעס.**

## דער ציטוויילינגער וואהל-רעזולטאט

וו א ר ש א, 22. (4 א זייגער פארטאג) ציז איצט זענען שוין בעקאנט די רעזולטאטען פון די אפגעגע-בענע שטימען אין 150 וואהל קרייזען (אבוואדען) (פון 209). לויט דער דאזיגער ציטוויילינגער פעסטשטעלונג שטעלט זיך דער רעזולטאט דאר אזוי:

ליסטע 1 (רעכטע פ. צ.) 483;
" 2 (פ. פ. ס.) 53.190;
" 4 (בונד) 13.520;
" 5 (פועלי ציון לינקע) 52.28;
" 11 (נ. פ. ר.) 1348;
" 12 ("קאפס") 83.530;
" 14 (אונאפהענגיגע סאצ.) 2374;
" 16 (יודישער בלאק) 38.750;
" 25 (פילסודטשיקעס) 22.708

ס'איז פארויסצוזעהן, אז די ליסטע 2 וועט הא-בען 22 מאנדאטען; ליסטע 4—7 מאנדאטען; ליסטע 5—3-2; ליסטע 12—40-45; ליסטע 16—18-20; ליסטע 7—1 מאנ-דאט. ליסטע 25—17 מאנדאט. די איבריגע יודישע ליסטעס האבען נישט קיין אויסזיכטען אויף קיין מאנדאטען אינגילטיגע שטימען ביז 40.000.

## דער נעכטיגער וואהל-טאג אין ווארשא.

ווארשא, 22 (11 ביינאכט. טעלע-פאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די וואהל-אגיטאציע האט זיך היינט אנגע-הויבען 7 אינדערפריה. אגיטאטארען זענען פון גאנץ פריה אן ארומגעגאנ-גען איבער די הויפען און דורך פייע-לעך, טרומייטערס און ארקעסטערס גערופען די וועהלער צו געהן צו די אורנעס. אויטא'ס זענען ארומגעפאהרען איבער די גאסען און געווארפען וואהל-אויפרופען. אין די קריסטליכע גאסען זענען איבער די הויפען אויך ארומגע-גאנגען הויף-זינגער און דורך ספעציעלע לידער גערופען צו געהן וועהלען.

אין די קריסטליכע גאסען האט די שטארקסטע אגיטאציע אנטוויקעלט דער ענדעקישער "קאפס", וועלכער האט פערשפרייט א ים מיט אנטיסעמיטישע וואהל-ליטעראטור, אין וועלכער ס'איז גערופען געווארען צו ראטעווען ווארשא געגען דער געפאהר פון יודען און קא-מוניסטען.

אין די יודישע גאסען האט זיך פון גאנץ פריה אן אנגעהויבען א לעבהאפ-טע בעוועגונג. אויך דא זענען ארום-געפאהרען אויטא'ס און ספעציעלע אגיטאטארען זענען ארומגעגאנגען דער-מאנען וועגען דעם חוב צו געהן צו די וואהלען. אין יודישען גע-גענד איז די וואהל-פרעקווענץ געווען א זעהר שטארקע. מ'רעכענט, אז ס'האבען זיך בעטייליגט א 70-80 פראצ. פון די וואהל-בערעכטיגטע. די בעטיי-ליגונג איז געווען א פיל גרעסערע, ווי בעת די לעצטע סיים וואהלען. אויך באגיפראטען-גאס, וואו די קריסטליכע בעפעלקערונג איז א פערהעלטנישמעסיג קליינע, האט דער "קאפס" ארגאניזירט אויטא'ס אויף אויטא 30 קראנקע פון ששליבאזשער שפיטאל, כדי זיי זאלען אפגעבען זייערע שטימען. די דאזיגע וועהלער זענען ס'רוב געווען אויף קולעס, בלינדע, און חולים מסוכנים.

מצד די יודישע ליסטעס האבען די שטארקסטע אגיטאציע אנטוויקעלט: דער "בלאק" (16) און "בונד" (4). שטארק האבען אויך אגיטירט די "פועלי ציון" און פאלקיסטען-דעמאקראטען.

אין משך פון היינטיגען טאג זענען

(ווייטער זעה 8-טע זייט).

---

אחרי מחלה קצרה וכבירה שבק חיים לכל חי בשנת הששים לימי חייו בעלי הוסר, אבינו, אחינו, חותננו וזקננו

ב. ע.

# מוה' שלמה אהרן קטניגסברג

(ועד העיר ובעל בית-חומה)

ההלוי' תהי' היום, יום ב' כ"א אייר בשעה 3 אחה"צ מבית האבל רחוב זיעלאנא 5.

השרויים בצער עמוק **המשפחת המתאבלת.**

---

פער'צער'ט און טיף געבויגען טיילען מיר מיט אונזערע מיטגלידער, אז דער אונבארחמנות'דיגער טויט האט ארויסגעריסען פון אונזערע סוחר'ישע רייהען איינעם פון אונזערע טיכטיגסטע און איבערגעגעבענסטע פערוואלטונגס-מיטגלידער פון אונזער פערבאנד

# נ. ע. שלמה אהרן קטניגסבערג

מיר פאדערן אויף אלע מיטגלידער זיך צו בעטייליגען אין דער לויה, וואס קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 23-טען מאי ד. י. 3 אזייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז זשעלאנא 5 כדי איהם אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד.

זיין אנדענקען וועט ביי אונז אייביג בלייבען אין זכרון!

עהרע זיין אנדענקען.

## די פערוואלטונג

פון צענטראלע סוחרים- און פאבריקאנטען-פערבאנד

פון דער לאדזער וואיעוואדזווא, פיעטריקאווער 10.

